№ 240 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

לאָדזער טאָגעבלאַט

21-סטער יאהרגאנג || 16 października 1928 r. || דינסטאג, ב׳ מרחשון תרפ״ט || רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פּעטריקאַווער 13.

גענעראַל-שטרייק ווערט פערשארפט

20 טויזענד מיטאָגען האט דער מאגיסטראט נעכטען ארויסגעגעבען פאר די שטרייקענדע ארבייטער.

נעכטען אווענד זענען שוין געשטאַנען אלע טראַמווייען

היינט טרעטען צו צום שטרייק די שאָפערן פון אויטאבוסען און טאקסובקעס.

אין הסכם מיט׳ן בעשלוס פון דער קרייז-קאָמיסיע פון די פראפ. פעראייניגען האט נעכטען פריה אין לאדז אויסגעבראָכן דער אלגעמיינער שטרייק.

באלד פון פריה אן האט זיך אין דער שטאט געלאזט מערקען א שטארקערע בעוועגונג אין די גאסען שטרייקענדע און סתם שפּאַצירענדע. אויף די גאסען זענען פערשפרייט געווארען אויפרופען צו די ארבייטער, בעזונדערס פון דער קרייז-קאָמיסיע, וואס האבען גערופען דעם גענעראל-שטרייק. 7 פריה איז אין לאקאל פון פערבאנד פון די ארבייטער און די עפענטליכע אינסטיטוציעס פארטרעטען.

א פערזאמלונג פון דער הויפּט-שטרייק-קאמיסיע.

עס זענען תיכף ארויסגעשיקט געווארען פליה-קאמיסיעס, וואס האבען געדארפט אכטונג געבען, אז די ארבייט אין אלע אינסטיטוציעס און אמטען זאל איבערגעריסען ווערען.

אין די פאבריקען פון דער מעטאל און האלץ-אינדוסטריע האבען די ארבייטער, סאלידאריזירענדיג זיך מיט די טעקסטיל-ארבייטער, געווארפען די ארבייט. נאך קורצע מיטינגען, וואס זענען איינגעאָרדנעט געווארען אין די הויפען פון די פאבריקען, האבען די ארבייטער פערלאזט די ארבייט.

אין מאגיסטראט

האט דער שטרייק ארומגענומען אלע אפטיילונגען. טעטיג איז בלויז געווען און דאס נאר מיטוואך, די אפטיילונג פאר געזעלשאפטליכער אויפזיכט, וואס האט אנגעפיהרט מיט דער אקציע צו פערטיילען

שטיצע די שטרייקענדע.

אין משך פון טאג איז ארויסגעגעבען געווארען דורך דער „אפּיעקא ספּאָלעטשנא“

* * *

20 טויזענד מיטאגען און 5 טויזענד לייבעל ברויט

(ג) די שטאטישע קאסע איז אויך געווען אפען, פדי פון דער בעפעלקערונג אפצונעמען שטייער-חובות. דעסגלייכען זענען נישט טעטיג געווען אלע אפטיילונגען פון דער

קראנקען-קאסע

בלויז די פאגאָטאָוויע האט געארבייט נארמאל. וואס אנבעלאנגט

די טראמוואיען

האבען נישט אלע טראמוואי-ארבייטער מסכים געווען צו פערשטרייקען. נישט קוקענדיג אויף דער שטארקער אגיטאציע פון די שטרייק-קאמיסיעס, זענען אין דער פריה ארויסגעפאהרען אין גאס אנ׳ערך 22 וואגאנעס. שפעטער אבער האט זיך די צאהל קורסירענדע טראמוואיען בעדייטענד פערגרעסערט. אויף איינציגע שטעלען איז אפילו געקומען צו שארפע קאנפליקטען און אפילו געשלעגען צווישען די שטרייקענדע און די טראמוואי-קאנדוקטארען און מאטאר-פיהרער. איין טראמוואי-ארבייטער איז ארעסטירט געווארען, אבער רעגער בעפרייט געווארען.

* * *

(§) נעכטען ארום 8 אווענד זענען די קליינע צאהל טראמוואיען, וואס האבען קורסירט איבער שטאט (בערך 20 וואַגאָנען) אנגעהויבען אפפאהרען אין דער רעמיזע. היינט וועלען די טראַמוואייען נישט קורסירען פון אין דער פריה אן.

אויסגעהאקט די שויבען פון א טראמוואי.

(—) נעכטען ארום 6 אווענד האבען אונבעקאנטע פערשוינען אויף דרוג פעטריקאווער און נארוטאוויטש בעווארפען מיט שטיינער א טראמוואי און אויסגעראכט עטליכע שויבען. די אנגעקומענע פאליציי האט נישט בעוויזען צו פאפען די שולדיגע.

אין אווענד האט זיך אויף יעדען קורסירענדען טראמוואי געפונען א פאליציאנט.

עלעקטראווניע שטרייקט נישט.

(§) די ארבייטער פון דער עלעקטראווניע האבען נעכטען בעשלאסען צום שטרייק נישט צוצוטרעטען, אזוי אז די שטאט וועט פולשטענדיג אהן ליכט נישט בלייבען.

די טעלעפאנען וועלען זיין טעטיג.

(§) די דירעקציע פון די שטאטישע טעלעפאנען האט געדראהט די טעלעפאָניסטקעס, אז אויב זיי וועלען צושטעהן צום אלגעמיינעם שטרייק, וועלען זיי דערוויטערט ווערען פון דער ארבייט. צוליב דעם וועט די טעלעפאָן-פערבינדונג נישט ווערען איבערגעריסען. מחמת די טעלעפאָניסטקעס האבען געמוזט אפזאגען זיך פון צושטעהן צום שטרייק. דאגעגען דער טעכנישער פערסאנאל ביי דער טעלעפאן-סטאציע איז צוגעשטאנען צום שטרייק.

ברויט וועט זיין.

(§) נעכטען האט די קרייז-קאמיסיע דערלויבט דעם בעקער-פעראיין נישט צוצושטעהן צום אלגעמיינעם שטרייק, פדי די שטרייקענדע אזוי גוט ווי די גאנצע בעפעלקערונג זאל נישט בלייבען אהן ברויט.

ווידזעווער מאנופאקטור נישט טעטיג.

(פ) ווי מיר האבען געהאט מיטגעטיילט, האבען די ארבייטער און דער ווידזעווער נארן-פאבריק צוגעזאגט צוצושטעהן צום אלגעמיינעם שטרייק. אין הסכם מיט דעם דאזיגען צוזאג האבען נעכטען פערשטרייקט אלע ארבייטער אין דער „ווידזעווער מאנופאקטור“.

סטרוזשעס שטרייקען.

אין לאקאל פון דער קרייז-קאמיסיע פון די פראפ. פעראיינען האבען די סטרוזשעס נעכטען געמאכט א גרויסע פערזאמלונג און בעשלאסען אנצושליסען זיך אין אלגעמיינעם שטרייק און צו דעלעגירען א פארשטעהער אין דער שטרייק-קאמיסיע.

לעדער-ארבייטער שטרייקען אויך שוין.

(§) אין אווענד איז אין די קרייז קאמיסיע פון די פראפ. פעראיינען פארגעקומען א פערזאמלונג פון די לעדער-ארבייטער וועגען סאלידאריזירען זיך מיט די שטרייקענדע טעקסטיל-ארבייטער, עס איז בעשלאסען געווארען, אז די לעדער-ארבייטער זאלען היינט פריה צוטרעטען צום גענעראל-שטרייק.

אין די קינא׳ס.

די שטרייק-קאמיסיע פון די ארבעטער אין די עפענטליכע אינסטיטוציעס, אינטערהאנדעלט מיט׳ן פעראיין פון די קינא-טעאטערן, כדי שליסען די קינא׳ס צוליב׳ן שטרייק.

א העלפט קעלנער צוגעטרעטען צום שטרייק.

(§) נעכטען זענען א העלפט קעלנער אין די רעסטאראנען און צוקערניעס צוגעטרעטען צום שטרייק. עס איז נישט אויסגעשלאסען, אז היינט וועלען צוטרעטען צום אלגעמיינעם שטרייק די איבריגע טייל.

גומי-ארבייטער.

(§) אויף דער נעכטיגער פערזאמלונג פון די גומי- און בענדער-ארבייטער איז בעשלאסען געווארען צוצושטעהן צום שטרייק. עס איז אויסגעקליבען געווארען א שטרייק-קאמיסיע.

ביי די פריזיערס.

(§) צוליב דעם, וואס די פריזיערס האבען נעכטען נישט פערשטרייקט, זענען די שטרייק-קאמיסיעס ארומגעגאנגען נעכטען א גאנצען טאג אין די רעזירעס און אויפגעפאָדערט די ארבייטער צו פערלאזען די ארבייט. ארבייטען מעג בלויז דער איינגענטימער גופא.

* * *

א בעזונדערן רושם האט אין שטאט געמאכט

דער מאנגעל אין צייטונגען.

טייל צייטונגען, דערונטער „לאדזער טאגעבלאט“, איז ערשינען מיט א גרויסער פערשפעטיגונג און אין א פערקלענערטן פארמאט. די בעפעלקערונג האט זיך דעריבער געמוזט שפייזען מיט דער „פאנטאפעל-פּאָסט“, נישט האבענדיג קיין קאנטראָלירטע בעריכטען פון דער פרעסע.

די רעגירונג חיל איינטערווענירען אבער—על תנאי.

(—) ווי מיר האבען נעכטען מיטגעטיילט, האט זיך דער לאדזער שטאט-פרעזידענט זשעמיענצקי געווענדעט צום ארבייטס-מיניסטער, אז ער זאל אנווענדען אלע מיטלען צו דערפיהרען צו א פערשטענדיגונג. נאך א מיינונגס-אויסטויש מיט די איבריגע מיטגלידער פון דער רעגירונג, האט דער ארבייטס-מיניסטער מיטגעטיילט דעם שטאט-פרעזידענט זשעמיענצקי, אז אזוי לאנג, ווי די ארבייטער וועלען נישט אנגעהן אויף דער פראפאזיציע פון דער רעגירונג, וועט ער קיין אינטערווענץ מעהר נישט אונטערנעמען.

צוליב׳ן אלגעמיינעם שטרייק איז לאדז ערשינען דער היינטיגער נומער „לאדזער טאגעבלאט“ אין א פערקלענערטע פארם פון 4 זייטען.

דעסגלייכען איז אויך נעכטען צוליב די זעלבע סבות „לאדזער טאגעבלאט“ ערשינען נאר מיט דעם מאטעריאל, וואס איז געווארען צוגעגרייט ביז 1 א זייגער ביינאכט, און מיט א בעדייטענדער פערשפעטיגונג אין דרוק.

שאפערן צוגעטרעטען צום גענעראל-שטרייק.

(§) אין דער קרייז-קאמיסיע פון די פראפ. פעראייניגען איז נעכטען אווענד פארגעקומען א פערזאמלונג פון די שאפערן פון אויטאבוסען און טאקסובקעס. עס איז בעשלאסען געווארען, אז פון היינט פריה אן זאלען די שאפערן זיך אנשליסען צום גענעראל-שטרייק.

אזוי ווי די אונטערנעמער פון די טאקסובקעס קאנען אליין אויך אנפיהרען מיט די טאקסובקעס און זיי פאלען זעלבסטפערשטענדליך נישט ארגא-

מער אונטערן שטרייק, האט די שטרייק-קאמיסיע בעשלאסען ארויסצושיקען מארגען פריה מענשען אין דער גאס, וועלכע זאלען אכטונג געבען צי די אייגענטימער האבען דאס רעכט צו פיהרען די טאקסובקעס. די וואס האבען דאס רעכט נישט וועלען תיכף איבערגעגעבען ווערען דער פאליציי. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז פאראויסגעזעהן, אז די אויטא-בעוועגונג וועט היינט כמעט זיין ווי אפגעשטארבען.

אין זגערזש.

(פ) אין זגערזש האט א המון שטרייקענדע זיך געפרובט ארייננדרינגען אין מאגיסטראט. פאליציי האט אבער דעם המון צוטריבען. דעפ. ראשאק, וואס האט דארט געפרובט האלטען א רעדע, איז דערצו נישט דערלאזט געווארען.

אין פאביאניץ.

אין פאביאניץ איז ארעסטירט געווארען די גאנצע שטרייק-קאמיסיע, וואס האט געוואלט שטערן אויפלאדענען וואגאנען. דער פעראיין האט זיך געווענדעט צו דער לאדזער וואיעוואדשאפט, וואו עס איז אונטערגענומען געווארען א אינטערווענץ.

זגערזש און קאליש שטעה׳ן צו צום שטרייק.

(§) דער פרעזעס פון דער שטרייק-קאמיסיע פונ׳ם פערבאנד פון די עפענטליכע אינסטיטוציעס אין לאדז, ה׳ וואידאָ, האט נעכטען אווענד ערהאלטען א בעריכט פון קאליש, אז דארט ברעכט היינט אוים אנ׳אלגעמיינער שטרייק.

אויך אין זגערזש וועט היינט אלץ שטעהן. אויך דער זגערזשער מאגיסטראט וועט נישט זיין טעטיג.

דרינגענדער פארשלאג פון פועלי ציון אין קאלער שטאט-ראט וועגען שטיצע די שטרייקענדע ארבייטער אין לאדז.

קאליש (טעלעפאניש) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון שטאט-ראט האבען די רעפרעזענטאנטען פון די לינקע פועלי ציון ארייגגעטראגען א דרינגענדען פארשלאג, אז דער מאגיסטראט זאל אסיגנירען 3000 זל. פאר די שטרייקענדע ארבייטער אין לאדז. מיט די שטימען פון ב. ב., נ. ד. און „אגודה“ איז די דרינגלינקייט אפגעווארפען געווארען.

אין די געשעפטען.

(ג) דאס רוב הענדלער און ביורא-אנגעשטעלטע זענען נישט געקומען צו דער ארבייט. אפילו פיל טרעגער, וואס זענען אנגעשלאסען אין סאציאליסטישע פעראיינען, האבען זיך נישט געשטעלט צו דער ארבייט אין די געשעפטען, וואו זיי זענען אנגעשטעלט.

עקספרעס-אויסגאבען.

(ג) נעכטען טאג זענען אין לאדז ערשינען מעהרערע עקספרעס-אויסגאבען פון די היגע בלעטער, וועגען דעם גאנג פונ׳ם שטרייק.

* * *

א גאנצען טאג האט דער טעלעפאן אין אונזער רעדאקציע נישט אויפגעהערט קלינגען, מענשען האבען בסדר אנגעפרעגט: ווי האלט עס מיט׳ן שטרייק? ווען ענדיגט ער זיך?

לאדז אחן גאז.

(פ) אין דער גאזאווניע האבען נאכ׳ן אפגעהאלטענעם מיטינג פון באלד אין דער פריה פערשטרייקט א טייל ארבייטער, שפעטער איז אנגעקומען א אינסטרוקציע פון פעראיינען און דער איבריגער טייל ארבייטער האבען אויך געווארפען די ארבייט. די גאסען-לאמטערן האבען נישט געהאט קיין צופלוס פון גאז, דאגעגען די פריוואטע קאנסומענטען האבען נאך נעכטען געהאט גאז און די מאשינען. היינט זאל דער שטרייק אין דער גאזאווניע פערשארפט ווערען און די פריוואטע וואוינונגען וועלען שוין קיין גאז נישט האבען.

* * *

אויך קאנאליזאציע-ארבייטער פערשטרייקט.

(פ) באלד אין דער פריה האבען די קאנאליזאציע-ארבייטער אויף פערשידענע גאסען אפגעהאלטען קורצע פערזאמלונגען און אין רעזולטאט האבען זיי פערשטרייקט. בלויז אויף פעטריקאווער גאס האבען די קאנאליזאציע-ארבייטער געארבייט ביז מיטאג אונטער׳ן שוץ פון פאליציי. דערנאכדעם האבען די קאנאליזאציע-ארבייטער אויפ׳ן שטח פון זיעלאנא, 6, שטרייקען נאך געארבייט ביז מיטאג אונטער׳ן שוץ פון פאליציי. אויך ביי די בוי-ארבייטער און קאנסטאנטינער וועלדער האבען די ארבייטער פערשטרייקט.

אויטא-טאקסובקעס.

(—) פון די שאפערן האבען נישט געארבייט א קליינער טייל. דאס רוב טאקסובקעס האבען קורסירט און זענען געפיהרט געווארען דורך די אייגענטימער.

אויטאבוסען.

(—) צוליב מאנגעל אין קאמוניקאציע-מיטלען האבען א גאנצען טאג קורסירט אויטאבוסען פון נייערן מארק און שטאט ארט, ביז אויפ׳ן באלוטער מארק. אין אלגעמיין האט מען אין דער קאמוניקאציע פון אויטאבוסען נישט געמערקט דעם אלגעמיינעם שטרייק.

פערזאמלונגען און מיטינגען פון די טעקסטיל-ארבייטער.

די טעקסטיל-ארבייטער האבען אין דער פריה אפגעהאלטען א רייהע מיטינגען און פערזאמלונגען, אויף וועלכע פערשידענע רעדנער האבען אויפגעפאָדערט די ארבייטער אויסצוהאלטען אין שטרייק.

אין „פראצא“ האבען גערעדט דעפ. וואשקיעוויטש און קאזשומיערטשאק.

די קלאסען-פעראיינען האבען איינגעארדנעט עטליכע מיטינגען אין פערשידענע שטאט-טיילען, אויף וועלכע די רעדנער האבען אנגעוויזען, אז דער אלגעמיינער שטרייק פערשארפט זיך כסדר און ס׳איז איצט פארהאן א האפנונג, אז די ארבייטער זאלען געווינען א גרעסערע הוספה.

אויך ביי די לארקעס זענען אפגעהאלטען געווארען פערזאמלונגען.

מיטינגען פון קאמוניסטען גיבען זיך נישט איין

(פ) נעכטען פארמיטאג האבען די קאמוניסטען געוואלט איינארדנען אויף שייבלערס מארק א גרעסערן מיטינג און דערנאך איינארדנען א דעמאנסטראציע איבער די גאסען. די פאליציי האט זיך אבער בעצייטענס דערוויסט דערפון און די קאמוניסטען נישט דערלאזט דערצו. זיי האבען שפעטער נאך געפרובט איינארדנען מיטינגען אויף אנדערע פונקטען פון שטאט, אבער אומעטום האבען זיי געראט דעם זעלבען סוף.

ארעסטירט א מיטגליד פון דער שטרייק-קאמיסיע

(§) פאליציי האט נעכטען ארעסטירט א מיטגליד פון דער שטרייק-קאמיסיע א געוויסען לעווי. די אונטערוועגס, אוהם צו בעפרייען, האט קיין רעזולטאט נישט געבראכט.



אכטונג פאבריקאנטען!

איך האב דעם כבוד צו מעלדען די ג׳ ה׳ פאבריקאנטען, אז איך האב געעפענט איין עלעקטרא-טעכנישע ווערקשטאט אויף קילינסקי 75

„מאטאר“

— אונטער דער פירמע —

איך נעם אן מאטארען און דינאמאס צום איבערנעזערן און ניי וויקלען מיט גאראנטיע. אינסטאלאציע פון בעלייכטונג און קראפט מיט קאנצעסיע פון דער עלעקטראווניע. לאנגיעהריגע אויסלענדישע פראקטיק. פינקטליכע און רעעלע בעהאנדלונג! ביטע זיך איבערצייגען!

מיט דרך-ארץ י. מיללער דיפל. עלעקטראטעכניק.

בעמ.: פריוואט-וואוינונג צגעלניאנע 9 וו. 10 פראנט

נייער סקאַנדאַל ביי דער כּותל-מערבי.

„צעפּעלין" אנגעקומען קיין אמעריקא

אונגעהערטער פּראָוואָקאַציע מצד די אַראַבער

זיי האָבען געוואָלט איבערבויען די כּותל מערבי.

ירושלים, 15 אָקטאָבער (יט"א) גאַנץ אונערוואַרטעט איז דער גאַנצער יודישער ישוב איבערגעצוימערט געוואָרען פון דער ידיעה, אַז די אַראַבער זענען צוגעטרעטען צו ענדערן די היסטאָרישע געשטאַלטונג פון דער כּותל המערבי. א גרופּע אַראַבער זענען אויפ'ן בעפעהל פון העכסטען מוסולמענישען ראַט צוגעטרעטען צו העכערן די כּותל מערבי, אַרויפלייגענדיג א נייע רייהע שטיינער אויף דער חומה־וואַנד. די ידיעה האָט זיך בליץ שנעל פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען יודישען ישוב און אַרויסגערופען אַן אויסערגעוועהנליכע פערביטערונג און אויפרעגונג.

דער פּרעזידענט פון דער יודישער קהלה, ה' מיוחס האָט תּיכּף אונטערנומען שריטע ביים דיסטריקט־קאָמיסאַר, אָנווייזענדיג, אַז דאָס ערלויבען די אַראַבער צו ענדערן דאָס אויסזעהן און די פאָרם פון דער כּותל מערבי איז א בעלייטיגונג און פערשוועכונג פון די יודישע רעליגיעזע געפיהלען און אַז דער דאָזיגער אַקט וועט אַרויסרופען א פּראָטעסט מצד די יודען פון דער גאַנצער וועלט.

דער דיסטריקט־קאָמיסאַר האָט אָבער געענטפערט, אַז די אַראַבער האָבען רעכט אויף דער כּותל המערבי און ער קען זיי דעריבער נישט שטערען אין זייער אַרבייט.

דער טעקסט פון דער פּראָטעסט־דעפּעשע פון לאָדזער קהלה צו דער ענגלישער רעגירונג געגען סקאַנדאַל ביים כּותל מערבי.

(נ) די קהלה־קאַנצעלאַריע האָט נעכטען ביינאַכט אָפּגעשיקט פאָלגענדע דעפּעשע צו דער ענגלישער רעגירונג (געשריבען אין ענגליש און פּויליש):

„צו דער בריטישער רעגירונג אין לאָנדאָן. די פערוואַלטונג פון דער לאָדזער יודישער קהלה, אַלס דער גרעסטער יודישער קיבּוץ נאָך דער הויפּט־שטאָט אין פּוילען, דרוקט אויס איהר עמפּערונג און פּראָטעסט געגען די שענדליכע גוואַלד־טאַטען, וואָס זענען יום־כּפּור בעגאַנגען געוואָרען געגען די יודישע מתפּללים ביים כּותל מערבי און ירושלים. די דאָזיגע פּאַסירונג ריהרען אָן די פונדאַמענטאַלע היסטאָרישע רעכט פון גאַנצען יודענטום. מיר האָפען, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט אָנגעמען נעהעריגע שריט, כּדי אויף להבא אויסצומיידען אַזעלכע טרויעריגע פאָרפאַלען און אין דער צוקונפט פערזיכערן אונזערע היליגע ערטער אין ארץ ישראל.

די פערוואַלטונג פון דער יודישער קהלה־פערוואַלטונג אין לאָדז".

ווי בעקאַנט, איז דער פּראָטעסט געוואָרען לוים'ן פאָרשלאַג פון ציוניסטישען פּרנס ה' א. י. בושעזשינסקי.

גרויסע פייערונג לכּבוד דעם 10־יעהריגען יובילעאום פון „הבימה" אין בערלין.

בערלין, 15 אָקט. (יט"א) אין „קייזער האָטעל" איז היינט פאָרגעקומען א גרויסע פייערונג לכּבוד דעם 10־יעהריגען יובילעאום פון דער „הבימה". אין דער פייערונג האָבען זיך בעטייליגט פיל אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען דערונטער מאַקס ריינהאַרדט, וועלכער איז געוועזען פאָרזיצענדער. ס'זענען געהאַלטען געוואָרען א רייהע בעגריסונגס־רעדעס און ס'זענען אָנגעקומען פיל בעגריסונגס־טעלעגראַמען.

ענטדעקט א קאָמוניסטישע דרוקעריי אין א"י.

8 יודען און 2 אַראַבער אַרעסטירט.

ירושלים, 15 אָקטאָבער (יט"א) אין דער קאָלאָניע „נס ציונה" איז ענטדעקט געוואָרען א קאָמוניסטישע דרוקעריי. ס'זענען דערביי אַרעסטירט געוואָרען 8 יודען און 2 אַראַבער.

בלב נשבר הננו מביעים את צערינו הגדול על מות ידידנו הנכבד י"ה מוח

ר' יוסף ציגאַמאַן ז"ל

המקום ינחם משפחתו המתאבלת בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ביה"ח דראַספּושה

רחוב פּוילנאָצנא 9.

„צעפּעלין" אנגעקומען קיין אמעריקא

וואַשינגטאָן (א.ו.) אין דער לעצטער מינוט איז דערהאַלטען געוואָרען א פונקען־דעפּעשע, אַז „צעפּעלין" פליהט שוין איבער דער טעריטאָריע פון די פערייניגטע שטאַטען. נעכטען 8 אָווענד איז צעפּעלין געפלויגען איבער ניו־יאָרק און אָפּגעפלויגען אין דער ריכטונג פון לייק־הורסט. צעפּעלין האָט זיך געפונען אין דער לופט 116 שעה. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גליקליכען אָנקומען קיין אַמעריקא האָט קולידזש אַרויסגעשיקט א בעגריסונגס־דעפּעשע צו הינדענבורג'ן.

סאָוויעטישע פּרעסע וועגען לאָדזער טעקסטיל־שטרייק.

מאָסקווא (א. ו.) די סאָוויעטישע פּרעסע ווידמעט זעהר פיל אָרט דעם טעקסטיל־שטרייק אין לאָדז, די אַרבייטסלאָזיגקייט אין נידער־שלעזיען און אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. די סאָוויעטישע פּרעסע זעהט דערין א סימן פון א נייער רעוואָלוציאָנס־כוואַליע אין אייראָפּא.

80־יעהריגער יוד פערשוואונדען אויף א געהיימניספולען אופן.

זונטאָג איז אוועק פון דער היים דער 80־יעהריגער יוד מאָטעל וואַלינסקי און איז מעהר נישט צוריקגעקומען. וואַלינסקי האָט געוואוינט ביי זיינע קינדער אויף נאַרוטאָוויטשא גאַס 118 און זונטאָג 8 נאָכמיטאָג געוועזען צו גאַסט ביי זיין זוהן אויף אַנדזשעיא 7 און אוועק פון דאָרט א צופרידענער און געזונדער.

די קינדער, זעהענדיג, אַז דער אַלטער איז אין אָווענד נאָך נישט אין דער היים, זענען געלאָפען איהם זוכען ביי די קרובים. אָבער אין ערגיץ איז ער נישט געווען. די משפּחה האָט זיך שטאַרק בעאונרוהיגט צוליב דעם. מען איז אוועק וועגען דעם זאָגען נעוואויר ווערען אין אַלע פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטען, אָבער אָהן ערפאָלג. מען האָט איהם שוין געזוכט א גאַנצע נאַכט מיט צוויי טעג און מען קומט נישט אויף זיינע שפּורען.

די קינדער פון דעם פערשוואונדענעם זאָגען משער אַז מיט זייער פאָטער איז, חלילה, געשעהן אַן אומגליק, אָדער די כּוחות זענען איהם אויסגעגאַנגען. דאָס נעהמונגספולע געלט־חובען זענען נישט שטאַרק נאָכגעלאָזט בעפּרט, ווען דער פערשוואונדענער האָט ביי זיך נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטען.

דער פערשוואונדענער איז א יוד מיט א גראָהער באָרד, חסידיש געקליידעט. ווער עס ווייס עפּעס וועגען איהם ווערט געבעטען צו וויסען טאָן ביי ה' ע. וואַלינסקי, אויף אַנדזשעיא 7.

פון רעטונגס־קאָמיטעט.

ווי מען מעלדעט אונז פון רעטונגס־קאָמיטעט וועט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון רעטונגס־קאָמיטעט, צוליב סכּות פון קאָמיטעט נישט אָפּהענגיג, נישט פאָרקומען דעם 17 ד. ח. וועגען נייעם טערמין וועט בעזונדערס געמאָלדען ווערען.

שרעקליכע פליישער־אַרבייטער בעפאַלען געוואָרען פון באַנדיטען

(נ) זונטאָג 1 אזייגער ביינאַכט, ווען דריי יודישע פליישער־אַרבייטער זענען אוועק אין באַליטער שעכט־הויז דורכצופיהרען א קאָנטראָל, צי דער שטרייק ווערט דורך די יודישע פליישער־אַרבייטער נישט געבראָכען, זענען זיי אויף צוריקוועגס, אין לאַגעווניצקא גאַס, בעפאַלען געוואָרען דורך דריי אונבעקאַנטע קריסטען, וועלכע האָבען זיי געדראָהט צו שטעכען מיט מעסערס, אויב זיי וועלען נישט אָוועקגעבען דאָס געלט וואָס זיי האָבען ביי זיך. די באַנדיטען האָבען געהאַט א טעות און געמיינט, אַז דאָס זענען קצבים־הורטאָווניקעס, וועלכע עס לוינט, לוים זייער מיינונג, צו בעפאַלען.

איינער פון די אַרבייטער האָט זיך אַנטקעגענגעשטעלט די אָנפאַלער. עס איז ענטשטאַנען א געשלעג צווישען די פליישער־אַרבייטער און די אָנפאַלער. מחמת די געשרייען פון די בעפאַלענע אַרבייטער זענען אַרויסגעקומען פון שעכט־הויז פּאָליציאַנטען, וועלכע האָבען גענומען נאָכיאָגען די אָנפאַלער באַנדיטען. איינעם פון זיי איז געלונגען צו פערהאַלטען. ער איז אָפּגעפיהרט געוואָרען אין 3. פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, פון וואַנען ער איז איבערגעשיקט געוואָרען אין אויספאָרשונגס־אַמט.

די דריי בעפאַלענע אַרבייטער זענען: טוביה פּריזענט, מלך גראַנסקי און יוסף לוביצקי.

* * *

דער יונגער פליישער יחיאל ראָזענזאָהן איז נעכטען אָווענד געגאַנגען אין שעכט־הויז צוהעלפען זיין פאָטער דעם קצב שמואל ראָזענזאָהן אין דער אַרבייט. די שטרייקענדע פליישער אַרבייטער האָבען איהם געשטערט אין דער אַרבייט, צוליב וואָס עס איז אויסגעבראָכען א געשלעג, בעת וועלכער ה' יחיאל ראָזענזאָהן איז פערוואונדעט געוואָרען.

די אמת'ע סיבה פון קריזיס אין דער לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריע.

פאַרוואָס ווילען די אינדוסטריעלער נישט נאָכגעבען און די אַרבייטער קענען נים אָפּטרעטען פון זייערע פאָדערונגען?

„בערלינער טאַגעבלאַט" וועגען טעקסטיל־שטרייק.

די אויסלענדישע פּרעסע און בעזונדערס דאָס „בערלינער טאַגעבלאַט" ברענגט טאָג־טעגליך אויספיהרליכע בעריכטען וועגען גאַנג פון טעקסטיל־שטרייק אין לאָדז און אומגעגענד. א חוץ די לענגערע טעלעגראַפישע בעריכטען פון לאָדז, וועלכע די דייטשע פּרעסע גיט אויפ'ן ערשטען פּלאַץ, שיקען צו די דייטשע קאָרעספּאָנדענטען לענגערע בריף, אין וועלכע זיי שילדערן גענוי דעם מצב פון דער לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריע אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן שטרייק.

אין לעצטען נומער פון „בערלינער טאַגעבלאַט" געפינען מיר א לענגערען אַרטיקעל פון ד"ר סייפּטער, וועלכער איז דער פּוילישער ווירטשאַפטס־קאָרעספּאָנדענט פון דער דערמאָנטער צייטונג, און וועלכער איז ספּעציעל געפאָהרען קיין לאָדז, כּדי צו בעקענען זיך אויפ'ן אָרט מיט'ן מצב פון דער לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריע און דעם גאַנג פון שטרייק.

אין זיין אַרטיקעל „דער שטרייק אין פּוילישען מאַנטשעסטער" שרייבט ד"ר סייפּטער צווישען אַנדערען:

„ווען די 20־פּראָצענטיגע לוין־פאָדערונג פון די אַרבייטער זאָל ווערען נאָכגעגעבען דאַן וועלען די מיטעלע בוים־וואָל־אויסאַרבייטונגען מוזען טייערער ווערען אויף 8 פּראָצענט, די בילליגע סאָרטען ביז 12 פּראָצענט און די מיטעלע זאָרטען פון וואָל־אויסאַרבייטונגען אויף 5 פּראָצענט. די דאָזיגע פּרייזען־העכערונג וועט נאָכמעהר בעשווערען דעם עקספּאָרט פון די לאָדזער טעקסטיל־סחורות, וועלכע ווערען אָהן דעם אויך גאַנץ וועניג עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד. פון דער צווייטער זייט אָבער דאַרף מען נישט פערגעסען, אַז די פּרייזען אויף לעבענס־מיטלען זענען אין לעצטען יאָהר בעדייטענד טייערער געוואָרען אין פּוילען.

דאָס איז די סיבה, וואָס דער טעקסטיל־שטרייק אין לאָדז האָט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען און ביידע צדדים קאָנען נישט איינגעהן אויף קיין הנחות.

אין ווייטערדיגען טייל פון זיין אַרטיקעל גיט ד"ר סייפּטער א קורצע שילדערונג איבער'ן אַנטוויקלונג פון דער לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריע, וועלכע האָט פאַר דער מלחמה געהאַט דעם גרויסען רוסישען מאַרק און איצט מוז זי זיך בעגנוגענען מיט'ן קליינעם אינערליכען פּוילישען מאַרק. אין די אינפלאַציע־יאָהרען, ווען די וואַלוטע איז נישט געווען סטאַבּיליזירט, האָט די לאָדזער אינדוסטריע נישט געפיהלט נאָך אַזוי שטאַרק דאָס פעהלען פון פרעמדע מאַרק. ערשט אין די לעצטע צוויי יאָהר, ווען די וואַלוטע איז סטאַבּיליזירט געוואָרען און ס'האָט זיך געפיהלט א שרעקליכער מאַנגעל אין מזומנים איז די פּראַגע וועגען דער ענטוויקלונג און עקזיסטענץ פון דער גרויסער לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריע אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין דער גאַנצער שאַרף.

דאָ ווייזט זיך אָן דער מחבּר, אַז ביי די לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריעלער הערשט א כאַאָס אין די פּראָדוקציע און עקספּאָרט־מעטאָדען, אַז זיי האָבען נישט דורכגעפיהרט קיין ראַציאָנאַליזאַציע אין דער פּראָדוקציע און דאָס איז איינענטליך די עיקר־סיבה פון קריזיס אין דער לאָדזער אינדוסטריע. דערביי פערגרופט זיך דער אַרטיקעל־שרייבער אויף די מיינונגען פון אַמעריקאַנישען פינאַנץ־ראַטגעבער ה' מישאַלס דייוויס, און אויף דער אַנקעטע־קאָמיסיע, וועלכע האָבען אָנגעוויזען, אַז די לאָדזער אינדוסטריע אַרבייט נאָך מיט די אַלטע פאַר־מלחמה'דיגע מעטאָדען און זי פּאַסט זיך נישט צו צו די נייע בעדינגונגען. די לאָדזער אינדוסטריעלער, פיהרט אויס דער מחבּר, האַלטען זיך נאָך נאָר אַ דאַנק די נידריגע אַרבייטס־לוינען. די אַרבייטער ווילען אָבער נישט אויסטראָגען די גאַנצע אינדוסטריע אויף זייערע פּלייצעס. און ווען אַפילו עס זאָל געלונגען די אינדוסטריעלער אויסצוגליכען דאָס ווייטערע, ד. ה. צו צאָהלען די אַרבייטער נידריגערע לוינען, וואָס זיי קומט פאַקטיש, וועט דאָס זיין נאָר א צייטווייליגע לעזונג פון דער פּראַגע. די סיבה פון קריזיס אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע איז אָבער א טיפערע. זי ליגט אין דעם האַלטען זיך אין די אַלטע פּראָדוקציע, און כּל־זמן די אינדוסטריעלער וועלען נישט זיין בכח איבערצוברעכען מיט דער טראַדיציע און צו מאַכען טיעף־גרייפענדע אָרגאַניזאַטאָרישע ענדערונגען, וועט דער קריזיס נישט זיין געלעזט און נאָר בקרוב האָבען מיר צו ערוואַרטען א נייעם שטורם אין דער לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריע.

ליסטע 6 יודישער אַרבייטער־וואַל־קאָמיטעט ליסטע 6

„פועלי ציון"

הויפּט־וואַל־ביוראָ זגערזשסקא 15

שבת ד. 20־טען אָקטאָבער, ד. י. פון 1 א זייגער פריה קומט פאָר אין זאַל „פילהאַרמאָניע", נאַרוטאָוויטשא 20

א פייערליכע עראָפענונג פון דער ראַנקין־קאַסע און וואַל־קאַמפּאַניע

:—: פּראָגראַם :—:

1) רעדעס פון די חברים ראַטמאַן נתן בורשטיין (וואַרשא) ראַטסהער ד"ר אַלעקסאַנדערסקי און ד"ר שיפּער. 2) קאָנצערט־טייל — פילהאַרמאָניע־אָרקעסטער. 3) אונזערע אויפגאַבען אין וואַל־קאַמפּף ה' יוסף ראָזען וואַרשא.

בילעטען זענען צו בעקומען אין פּאַרטיי־לאָקאַל, אין דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע

בעקאַנטמאַכונג.

מיר מאַכען בעקאַנט אַלע מיטגלידער, אַז צוליב סבּות פון אונז נישט־אָפּהענגיג איז די פערזאַמלונג, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 17־טען ה. ח.

פאַרלייגט אויף שפּעטער

מעגען טערמין פון דער פערזאַמלונג וועט בעזונדערס מיטגעטיילט ווערען

די פערוואַלטונג פון רעטונגס־קאָמיטעט

לאָדז. שענקעוויטשא 3/5.

Dr. med Adam BENDER

ספּעץ פאַר אינערליכע און האַרץ־קראַנקהייטען

Przejazd 30, Telef. 54-68.

5808 נעמט אָן פון 5—7 נאָכמיטאָג.

Dr. med. Hilary Głiksman

צוריקגעקעהרט

און נעמט איצט אָן פון 5—7

מאַניושקי 7

טעל. 31-49.

צוריקגעקעהרט

ד"ר לודוויג פאַלק

נאַווראָט 7, טעל. 28-07.

ספּעציאַליסט פאַר הויט־ און געשלעכטס־קראַנקהייטען

5424 נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 נאָכמ.

Dr. P. Klinger

ספּעצ.־אַרצט פאַר הויט־האָר־ און געשלעכטס־קראַנקהייטען

היילט מיט קוואַרץ־לאַמפּען.

אַנדזשעיא 2 טעל. 32-28.

צוריקגעקעהרט

Dr. med. A. Gotlib

ספּעציאַל־אַרצט פאַר אַקושעריע און פרויען־קראַנקהייטען

Piotrkowska 26 — Telef. 77-50

נעמט אָן פון 4 ביז 7.

Dr. med. B. From

ספּעציאַל־אַרצט פאַר

פרויען־ און אַקושעריע־קראַנקהייטען

46 ZAWADZKA 46

(Żeromskiego 12) ;—: telefon 42-61

נעמט אָן פון 3 ביז 5.

Dr. med. J. BETTE

צוריקגעקעהרט

ספּעציאַליסט פאַר אינערליכע און קינדער־קראַנק.

Piotrkowska 6, tel. 44-95

נעמט אָן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אָווענד.

טיכטיגע

שניידער־געזעלען

קענען זיך מעלדען ביי י. צעטער, פּיעטריקאָווער 229

פאַהרענדיג מיט א דראָשקע פון פאַבּריטשנא 15 דורך סטאַראָזשעלניאַנאַ ביז דער יודישער גאַס 6 האָב איך פערלוירען 4 דאַמסקע פּאַלטאָס. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג אָפּצוגעבען פאַבּריטשנא 15 צו קוטאַס.

5847

Dr. med.

M. Rabinowiczówna

צוריקגעקעהרט

שקאַלנאַ 16

אינערליכע (ספּעציעל לונגען) קראַנקהייטען

נעמט אָן פון 2 ביז 3 נאָכם.

Dr. med. L. Pikielny

ספּעציאַל־אַרצט פאַר

נירען, בלאָזען און האַרן־סיסטעם־קראַנקהייטען

Nawrot 8, tel. 19-90

עמפּפאַנגט פון 4—7 אין אָווענד.

פּאַלעסטינע־אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדז.

היינט דינסטאָג, ד. 16/10 8 אָווענד אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4)

— איבער —

1־טע פאָרלעזונג פּאַלעסטינאָגראַפיע

רעפערענט: ד"ר א. ש. קאַמיניעצקי. — איינגאַנג פריי!

די נאָכפאָלגענדע פאָרלעזונגען:

שבת, דעם 20/10 5 נאָכמיטאָג א. לובאַשיצקי אין דער ציוניסט. אָרג. איבער יודישע געשיכטע. ד"ר מ. פעלדמאַן אין „בני ציון" (זשגאַכסקא 7) „דער בוי פון מענשליכען קערפּער און די פונקציעס פון די בעזונדערע אָרגאַנען.

היינט און ווייטערדיגע טעג 820 און נאַכט

מלכּה השוואַרצענקאָפּ

פּיעסע אין 5 אַקטען פון ג. זאַפּאָלסקאַ. רעזשי: ד"ר. י. פּילאַרסקי און ש. דזשיגאַן, אַרטיסט פון יודישען קאַמערטעאַטער „אַרט". מוזיק־אילוסטראַציע ד. ביינגעלמאַן.

Teatr Popularny

18 אָגראָדאָווע 18

פּראָיעקט פון א סטאַטוט פאַר א שפּיטאָל-ראַט אין לאָדז

א באַקטעריאָלאָגישער אַמבולאַטאָריום וועט געשאַפען אויף זשעראָמסקי 23.

(מ) די טעג אוזאַת מען פאַרויך פון שטאָט-פּרעזידענט זשעמיענצקי פאַרגע-קומען א זיצונג פון מאַגיסטראַט, אויף וועלכער עס איז בעשטעטיגט געוואָרען דער פּראָיעקט פון א סטאַטוט פון א שפּיטאָל-ראַט, וואָס וועט געשאַפען אויפ'ן סמך פון אַרט. 24 פון דער פאַר-אָרדנונג פון מלוכה-פּרעזידענט וועגען די היילאַנשטאַלטען.

אין צוזאַמענשטעל פון שפּיטאָל ראַט זאָלען אַריינגעהן: אַלס שטעל-פאַר-טרעטער פון שטאָט-פּרעזידענט דער לאַוונּיק פון געזונדהייטס-אַמט נאַטשעלניק פון געזונדהייטס-אַמט בײַ דער וואָיעוואָדזטוואָ, אינספּעקטאָר פון שטאַטישען שפּיטאָל-וועזען, שפּיטאָל-דירעקטאָר, זיין שטעל-פאַרטרעטער, 7 מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע פון דער אַפּטיילונג פאַר עפענטליכע געזונד הייט, ראַטמענער און דער נאַטשעלניק פון געזונדהייטס-אַמט בײַם מאַגיס-טראַט.

אויסער דעם קענען אַנטייל נעמען אין די זיצונגען פון שפּיטאָל-ראַט די שפּיטאָל-דירעקטאָרים און שטאַטישע רע-פערענטען מיט בעראַטונגס-רעכט.

בין דעם טעמינקטעם - נעמלעך פון שפּיטאָל-ראַט אין לאָדז וואָס געהערען דאָס אַרויסזאָגען זיך און געבען פאַר-שלאַגען דעם געזונדהייטס-אַמט מכח די בודזשעטען פון די שפּיטאָלען, שפּי-טאָל-ווירטשאַפט, איבערבויען און ערוויי-טערן די שפּיטאָלען, היילאַנשטאַלטען פון די קראַנקע א. אז. וו.

דער לאָדזשער סטאַטוט דאַרף ערשט בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן שטאָט-ראַט.

אויף דער זעלבער מאַגיסטראַט-זי-צונג איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאַ-פען בײַ דער ערשטער בעראַטונגס-שטעל פאַר טובערקולאָז-קראַנקע אויף זשעראָמסקא 23. א באַקטעריאָלאָגישען לאַבאָראַטאָריום, פאַר די חולאים פון די שטעטישע און געזעלשאַפטליכע היילאַנסטיטוציעס און פאַר פּריוואַט אומזוסט. פאַר אַלע אַנדערע פּאַציענ-טען וועט קאָסטען א באַקטעריאָלאָגישע אנאַליז פון 3 ביז 10 זל.

דער טאַטע געהט אין שוהל און די טאָכטער פאַרקויפט אין יום-כפור בײַם בופעט

א מחלוקה אין טרעגער-קאָלעקטיוו צוליב דער זינד פון זייער חבר'ס טאָכטער

(ג) דאָס אחדות אויף אַלט-שטאָט האָט זיך שיער א האַקעל-געטאָן, דאָ אין די ריזע וועגען דעם „קאָלעקטיוו“ פון די יי-דישע טרעגער“ וועלכע זענען שוין זייט איניגע יאָהר אָרגאַניזירט און אַרבײַטען אויף קאָלעקטיווע יסודות אין די געשעפ-טען אין ראַיאָן פון אַלט-שטאָט און קאָשטשעלנא.

גאַנצע יאָהרען דרעהען זיך אַרום אויף אַלט-שטאָט די יודישע האַרעפאַט-ניקעס, און צווישען זיי הערשט שלום און פריד, כאָטש זייער אַרבייט איז א שווערע און זייער ברויט פערדינען זיי מזעת אפם — ווי גאָט האָט הייסען ...

נאָר אויב דער טרעגער קאָלעקטיוו לעבט צווישען זיך בשלום און קיינער האָט נישט געקאָנט שטערען זייער „אי-דיליע“ — איז געקומען א מעדעלע, וועל-כע האָט איינגעוואָרפען דעם „פאַלאַך פון פרידען“.

עס איז געווען דעם היינטיגען יום-כפור.

דער בלינדער איציק, א טרעגער-מיט-גליד סוג'ם קאָלעקטיוו, האָט דעם בו-פעט אין טראַנספּאָרט-אַרבייטער-פעראיין לאַגעווניצקא 4. וואָס דער בופעט-בעזי-צער אין פעראיין איז געשטאַנען אין שוהל און געשמאַק תפלה-געטאָן. צו גאָט ער זאָל איהם מוחל זיין די זינד, וואָס ער איז בעגאַנגען במזיד ובשוגג, האָט זיין טאָכטער'ל נישט געקאָנט צוזעהן דעם צער פון הונדערטער יונגעלייט, וואָס דרעהען זיך אין טרעגער-פעראיין אַרום געשלאָסענעם בופעט און געהען-אויס פאַר א ביסען... דאָס מיידעל האָט זיך נישט געפוילט, געעפענט דעם פעראיינס-בופעט און געלייזט צאַפּלדיג געלד.

מאַכט זיך אָבער, אז אין דער הפסקה פון איין ראַוועצען און דעם צווייטען, פערבלאַנדזשעט א טרעגער-יוד פון דער שוהל אין פעראיין אַריין און זעהט, ווי זיין קאָלעקטיוו-חבר'ס. דעם בלינדען יצחק'ס טאָכטער שטעהט פאַר'ן בופעט און שיט קלינגערס אין קאַס אַריין. דער טרעגער-יוד האָט נישט געקאָנט אויס-האַלטען אזא סקאַנדאַל און געלאָפען גע-פלינק צו דעם בלינדען איציק אין שוהל אַריין, נאָכדעם איהם געבראַכט צו זיין טאָכטער בײַם אָפענעם בופעט, אז דאַרט האָבען זיך געשאָטען פעטש, ווי האַגעל, איז פערשטייענדליך, אז דער טאַטע געהט אין שוהל אַריין בעטען אויף א גוט יאָהר, ווייל ער גישט, אז זיין טאָכטער זאָל אום יום-כפור לייזען געלד און נאָך ברענגען פרעמדע צו עבירות.

באַלד נאָך יום-כפור האָט דער קאָ-לעקטיוו פון די טרעגער פאַרזאַמעלט א ספעציעלע אסיפה און אויף איינער האַנד—נישט פערגעבענדיג דעם פעראיין—אנגענומען א החלטה, אז אזוי ווי דער בלינדער איציק האָט פערצאַהלט אים יום כפור דעם בופעט, מוז ער בעצאַהלען „קנס“ אין דער הויך פון 50 זל. פאַר דריי קראַנקע טרעגער און אויף א חודש צייט איהם נישט צוצולאָזען אַרבייטען אין קאָלעקטיוו.

— חברים, איהר שעכט דאָך מיך אהן א מעסער, — האָט דער בלינדער איציק געוויינט.

— עס וועט דיר נישט העלפען, שלי-מאַק, ביי אונז העסטו בעקניט... אז מען האָט אז טאָכטער לערנט מען איהר דרך ארץ...

עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. דער בלינדער איציק איז טאַקע נישט צוגע-לאָזען געוואָרען צו דער אַרבייט, 50 זל. „קנס“ האָט ער אויך געמוזט בעצאַהלען. נאָר לענגער וואַרטען האָט ער גישט גע-קענט. ער האָט געבעטען אין גוטען און אין בייזען, געלעגט זיך אַלעמען פאַר די פיס, געבעטען „האַנד תקיעת כף“, אז מעהר וועט אזוינס נישט געשעהן ביז דער קאָנפליקט איז בײַ א גליזעל משקה געכטען ליקווידירט געוואָרען.

דאָס אחדות אין אַלט-שטעטישען קאָלעקטיוו איז אזוי אַרום צוריקגע-שטעלט געוואָרען צו דער פריהערדיגער מדרגה.

די פאָדערונג פון בית הרב מייזל ז"ל צו דער קהלה.

(נ) שבת צו-נאַכטס איז און דער קהלה פאָרגעקומען א ספעציעלע זיצונג וועגען דער תביעה פון בית הרב מייזל זצ"ל צו דער קהלה. אין דער זיצונג האָבען זיך בעטייליגט: פּרעזעס מונצבערג, די פּרנסים שוויאַטלאַווסקי, וויינצמאַן, און דער פּרעזידענט פון בית-הרב ר' שמואל ישראל מייזעל.

ה' מייזעל האָט פאָרגעשטעלט דער קהלה-קאָמיסיע פערשידענע דאָקומענ-טען און פערלאַנגט אויסצוהערען וועגען דער אָנגעלעגענהייט א ריי עדות.

ווי מיר ווערען געוואויר, פערלאַנגען די יורשים פון הרב מייזעל זצ"ל, אז די קהלה זאָל זיי אויסצאָהלען א סומע וואָס זאָל בערעכענט ווערען אויף 30 טויזענד רובל, לויט ווי עס בשעת'ן בע-שלאָסען די לאָדזער קהלה. אָבער אין די פּראָטאָקאָל-בוכער איז פאַרן בית-הרב פאַרגעזעהן א סומע פון 10,000 זל., דערנאָך 4000 רובל פון עטאַט און 6000 רובל פון די לויפענדע הכנסות.

אין רעזולטאַט פון דער זיצונג פון דער קאָמיסיע איז בעשלאָסען געוואָ-רען אויסצוהערען א ריי עדות, אויף וועמענס ערקלערונגען עס זאָל זיך שטיי-צען די קאָמיסיע.

געשטערן, זונטאַג פאַרמיטאַג זענען שוין אויסגעהערט געוואָרען אַלס עדות די ה"ה פרנס גרשון נאַמאַן, געוועזענע נער ראַזאָר מרונק, מ. קראַסוצקי, ח. זעלמאַנאַוויטש. עס דאַרף נאָך אויסגע-הערט ווערען די מיינונג פון די ה"ה ליפּוויער און געוועזענעם דאָזאָר לאַנ-דוי.

וועגען אַלעם איז צונויפגעשטעלט געוואָרען א פּראָטאָקאָל, וואָס איז דורך די עדות געוואָרען אונטערגעשריבען.

עס איז צו ערוואַרטען, אז נאָך אין דער לויפענדער וואָך וועט דער ענין פון בית-הרב ערלעדיגט ווערען דורך דער קאָמיסיע.

רעגיסטראַציע פון יאָהרגאַנג 1908

מאָרגען, דאַרפען זיך שטעלען צו דער רעגיסטראַציע אין פּאָליציי-מיליטער-רישען ביוראָ אויף פּיעטריקאָווער 212 די יונגעלייט פון יאָהרגאַנג 1908, וואָס וואוינען אויפ'ן שטח פון 3-טען קאָמי-סאַריאַט מיט די פאַמיליען-נעמען, וואָס הויבען זיך אָן מיט Z, Ż.

קאָנטראָל פערזאַמלונגען

היינט דאַרפען זיך שטעלען צו די קאָנטראָל-פערזאַמלונגען צו דער קאָנ-טראָל-קאָמיסיע אויף לעשנאַ 9 די מאַנס-לייט פון יאָהר 1888, וואָס וואוינען אויפ'ן שטח פון 1, 4, 6, 10, 12, 13 און 14 קאָמיסאַריאַטען, וואָס זייערע פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן מיט I, J, K, L, Ł, M, N, O, P.

צו דער קאָמיסיע 2 אויף ציגעל-גאַס 5 דאַרפען זיך שטעלען די מאַנסלייט פון יאָהרגאַנג 1900, וואָס וואוינען אויפ'ן שטח פון 1, 4, 7, 10, 12, 13 און 14 קאָמיסאַריאַטען, וואָס זייערע פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן מיט I, J, K, L, Ł, M, N, O.

פערקויף פון זאַלץ פאַר אינדוסטריע-צוועקע.

צירקולאַר פון פינאַנץ-מיניסטעריום צו דער שטייער-מאַכט

(§) כדי צו ערמעגליכען די קליינע אונטערנעהמונגען צו בעקומען זאַלץ פאַר אינדוסטריע-צוועקען אין א נויטיגענדער מאָס, האָט דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום אין א צירקולאַר בעאויפטראַגט די לאָקאַלע שטייער-מאַכט, ענטגעגנצוגעהן דעם אַקסיז און מאָנאָפּאָל-אַמט, וואָס בע-רעכטיגט אַרויסצוגעבען דערלויבנישען אויפ'ן פערקויפען און קויפען זאַלץ פאַר אינדוסטריע-צוועקען, אַרויסצוגעבען אזעלכע ערלויבנישען סיי די אינדוס-טריע-אונטערנעמונגען, סיי די אייגענ-טימער פון פרייע זאַלץ-סקלאַדען, סיי ענגראָ די הורט-געשעפטען פון קאָך-זאַלץ, אויך ווויפיל די לעצטע האָבען ענטשפּרעכענדע סקלאַדען, אין וועלכע דאָס זאַלץ וואָס איז בעשטימט פאַר אינדוסטריע-צוועקען, זאָל קענען גע-האַלטען ווערען בעזונדער פונ'ם קאָך-זאַלץ. די אינדוסטריעלער קענען אַריינ-נעמען דאָס זאַלץ, וואָס איז בעשטימט פאַר אינדוסטריע-צוועקען און נאָר פאַר אזעלכע געברויך אין זייערע אינדוס-טריע-סקלאַדען. דאָס דאָזיגע זאַלץ מוז דירעקט קומען פון די זאַלץ-גרו-בענס און די פערקויפער מוזען זיך היטען פערשטעלען א צייגניש פון דער מאַלס, בעשטעטיגט דורך דער קאָנט-ראָלע פון דער שטייער-מאַכט. בײַם פער-קויף פון זאַלץ, וואָס איז געמישט מיט אַנדערע שטאָפען, מוז מען האָבען א ספעציעלע ערלויבניש פון מאָנאָפּאָל-אַמט. ווייטער ווערט אין צירקולאַר אויפמערקזאַם געמאַכט, אז די שטייער-מאַכט זאָל אַכטונג געבען, אז געוויס-ליך קאָך-זאַלץ זאָל בשום אופן ני זיין געהאַלטען ווערען אין אזאַ לאַגער צו-זאַמען מיט'ן זאַלץ פאַר אינדוסטריע-צוועקען.

נאַכט-דיזשורען אין די אַפּטייקען.

היינט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: פּאַוולאַוויטש, פּעטריקאָווער 309; האַמבורג, גלובנאַ 50; גליקסמאַן, נאַרוטאַוויטש 4; שוטשעוויטש, קאָנסטאַנטינער 26; לאַרעמאַ, פּאַבאַניצער 10 און פּאַטאַש, פּלאַץ פּאָסעלעני 10.

ארע

האָבען זיך שוין איבערצייגט. אז די בילליגסטע און רעעלסטע פּערפומעריע איז נאָר די פירמע

י. דרוקער

11 זאַוואַדזקאַ 11 טעל. 75-92

בעמערקונג: יעדער קויפער בעקומט גראַטיס א פלעשיל פּערפום פון דער וועלט-בעריהמטער פירמע „Fascinata" Berlin

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע זאַל — נאַרוטאָוויטש 20 —

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאַן און א. קאַמפּאַניעעץ

גאַסט-ראָלען פון דעם אַמעריקאַנער סטאַר

בעני אַדלער

מיט'ן אַנטייל פון די ליבלינגע פון פּובליקום

באָריסאָוואַ, ראַבינאָוויטש, בראַנעצקי,

מאָרגען מיטוואָך, דעם 17-טען 9 אָוונד

גרויסע פּאָפּולערע פאָרשטעלונג. פון 1 ביז 2.50

20 יאָהר אונטער דער ערד

סענסאַציאָנעלע פּיעסע אין 4 אַקטען פון פריינמאַן היסטאָריאָל גרישאַ—ב. אַדלער

אין אַלע פּיעסען נעמען אַנטייל לויט א. ב. פרויען: בעזמאַן, באָריסאָוואַ, מאַכאַראָווסקאַ, נערה, פאָדערמאַן, קאַמפּאַניעעץ. מענער: אַריעל, אייזענבערג, בראַנעצקי, באַלבירסקי, האַמבורגער, מאַכאַראָווסקי, מאַסקאָוו, נייהויז, פּאָלאַנסקי, ישראל קאַמפּאַניעעץ, ראַבינאָוויטש, ראַקאָוו.

אַדמיניסט.—מ. אַרנוואַלד. מוזיקאַלישע לייט.: ל. זעלמאַן.

אַנאָנס! די נאָכסטע פּרעמיערע אַנאָנס!

דער שפּיגעל פון לעבען

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער פילהאַרמאָניע.

זיך געפונען

אָריגינעלער ראָמאַן פון דער נייער יודישער תקופה

פון י. ל. ליפשיץ

(פאָרטזעצונג).

5-טער קאַפּיטעל.

יהודה מייז שוועסטער-קינד

... וואָכען צייט, ווי דער געדאַנק עגבערט מיין מח: זאָל זיין מעג-ליך, אז מיכאַיל איז נישט בעסער פון אַלע אַנדערע קריסטען! ער פלעגט קומען צו אונז כמעט יעדען אָוונד; בײַ איהם פלעגט זיין אַנ'אַפּת'ער יום-טוב, ווען איך פלעג נאָר מיט איהם אַליין פערברענגען און איבערלאָזען וולאַדימיר אילייטש'ן מיט מיין ברודער, כאָטש דער לעצטער פלעגט מיך מיט זיינע אויגען בעטען: „פלאַצ דאָ מיט מיר!" איך פלעג פיהלען, אז וולאַדימיר דענקט נאָר פון מיר, און מיכאַיל האָט עס זעהר גוט בעמערקט, און ער איז געווען דער גליקליכסטער מענש, ווען איך פלעג נאָר מיט איהם אַליין פערברענגען די צייט. אָבער זינט יענעם אָוונד, ווען איך האָב איהם בפירוש געזאָגט: „אז איך בין א יודישע טאָכטער" זעהט מען איהם שוין מעהר נישט. יאָ, אפנים ער האָט מורא פאַר מיר! עס ליגט שוין איינגעוואָרצעלט אין זיין נשמה אין זיין האַרצען, אז א יוד מוז זיין א „שד", א „טייוועל". אַה, ווי שרעקליך! ווי שוידערליך!

איך האָב אָנגעהויבען אויסמיידען מענשען. איך האָב זיי נישט געקענט קו-קען גלייך אין זייערע אויגען. וולאַדימיר אילייטש פלעגט מיך היטען אויף שריט און טריט, ספּעציעל נאָכדעם ווי ער דאָס בעמערקט, אז דער גראַף קומט שוין מעהר נישט. אָבער יעדעס מאָל ווען ער פלעגט מיט מיר אָנהויבען רעדען פון לי-בע, פלעג איך גאַנץ איינפאַך אָפּדרעהען מיין געזיכט און וועקגעהן. אָבער איך פלעג פיהלען ווי ער פלעגט ווערען אויפגערעגט, און בשעת מעשה טראַכטען: „יאָ, איך פערשטעה. עס וויל זיך דיר נישט אַנדערש ווי א גראַף!" און ווען ער וואָלט נאָך געוואוסט דעם כּוֹה, וואָלט ער געוויס צוגעגעבען „פאַרשיוואַיאַ זשידאָוקאַ" (שמוציגע יודען).

מיין מוטער האָט שוין עטליכע מאָל בעמערקט: „וואָרום זעהט מען עפּעס נישט מיכאַיל'ן ז"

אָבער מיין טאַטער'ס אויגען האָבען פיל טיעפער געזעהן. און איינמאָל, ווען איך בין געזעסען אַליין אין מיין צימער, אומעטיג און פערטראַכט, איז מיין טאַטער אַריינגעקומען. ער האָט מיך זעהר צערטליך געקושט און האָט שטיל, ווי רחמנות'-דיג, געפרעגט: „איזאַבעלאַ, קינד טייערע! שוין פון עטליכע וואָכען ווי איך האָב בעמערקט, אז דו טראָגסט זיך אַרום מיט עפּעס א געהיימניס, ווי עפּעס דריקט דיך. דו געהסט אַרום אַנ'אומעטיגע, א פערטראַכטע און א פער'חלום'טע. דיין ליכטיגער שעהנער פּנים דריקט עפּעס אויס א פּין צער און מורא, און דיינע גרויסע שעהנע אויגען קוקען עפּעס טיעף, אַט פונקט ווי דאָס פון דער גרויסער ראַפאַעל. זאָג מיר, טייער קינד! וואָס דריקט דיך אויפ'ן האַרצען? בעהאַלט נישט פון דיין טאַטער דיינע לײַדען, ווייל דיינע יסורים זענען אויך מיינע! און אפשר האָט עס עפּעס א שייכות מיט מיכאַיל'ן?..." האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

איך האָב זיך צעוויינט און האָב מיט א פערשטיקטען קול געענטפערט: „טאַטער טייערער! איך קען עס שוין מעהר נישט אַריבערטראָגען. יודען ווערען גע-פּייניגט מיט כל-ערליי יסורים! מען שניידט שטיקער פלייש לעבעדיגערהייט און איך לעב אין לוקסוס מיט אַלערליי פערגעניגענס! טאַטער, איך קען מעהר נישט לעבען קיין צוויי פּנים'דיגען לעבען! — אין האַרצען זיין א יודישע טאָכטער און פאַר דער וועלט א קריסטין! איך קען נישט, איך ווער דערשטיקט! האָט עלטער פערשטעה איך און אַלץ מעהר הויב איך אָן פיהלען און בעגרייפען, אז מיין נשמה בעלאַנגט נישט דאָ, נאָר ערגעץ אַנדערשוואו, אין גאַנץ אַנדערע וועלטען, אין וועלטען פול מיט יודישע קרבנות און חרוב'דיגע שטעדט, אָבער אויך אין וועלטען פול מיט יודישע האָפנונגען און הויכע אידעאַלען. מיין נשמה שוועבט צווישען די מאַרטירער, וועלכע לאָזען זיך בעסער מקריב זיין אויף דעם „באַרבאַרישען מזבח", אום זייער „פּינטעלע יוד" נישט צו פערלייקענען. טאַטער, ס'קען זיין, אז איך אשר געבראַכט אומגליק! אָבער איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט! עפּעס ווי א געהיימע, פּאַרבאָרגענע קראַפט האָט מיך געטריבען דערצו, פונקט ווי דעם גרויסען ראַפאַעל'ס מאַגנעטישע אויגען וואָלטען מיר צוגעוואונקען אַזוי צו האַנדלען, און פונקט מיט פיר וואָכען צוריק האָב איך ענטדעקט צו מיכאַיל'ן, אז איך בין א יודישע טאָכטער. איך האָב אַפּעלירט צו זיין אינטעליגענץ און צו זיין שכל, אז ער מוז עפּעס טון פאַר די אומגליקליכע יודישע קרבנות. איך האָב אויך געבעטען צו זיין האַרצען און צו זיין געוויסען, אז ער מוז עפּעס טון, אום צו פערמיידען אַט די שרעקליכע אכזריות'דיגע שחיטות! אָבער זינט דאַן זעהט מען איהם שוין מעהר נישט! נו, יאָ, ער איז דאָך אויך נישט מעהר, ווי א קריסט, בײַ וועמען די שנאת צו יודען איז איינגעוואָרצעלט פון זיין פריהסטער יוגענד".

מיין טאַטער איז געזעסען שטיל, א רחמנות'דיגער צער האָט זיך אויסגע-שפּרייט אויף זיין שמאָלצען, שעהנעם פּנים. זיינע שעהנע אויגען זענען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען און ער האָט מיט א פערשטיקטען קול קוים אַרויסגערעדט: „יאָ, טאָכטער מיינע! געהיים האָסטו געבראַכט אומגליק אויף אונז אַלעמען! אבער אזוי איז בעסער. איך וועל אַלץ מקבל באהבה זיין. איך האָב געדענקט, אז איך וועל זיך קענען אויסבעהאַלטען, כּ'וועל פערלייקענען מיין „איך" צוליב דער טובה פון מיינע ליבע און טייערע קינדער, זיי זאָלען נישט ליידען פון די ספּעציעל יודישע צרות, אָבער איך האָב געמאַכט זעהר א גרויסען טעות. איך האָב געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם בעל-הבית. פון דעם גאָט פון ישראל קען מען זיך נישט אויסבעהאַלטען, ער געפינט שוין אויס אפילו אין די טיפענישען פון ים. און ער האָט מיך אויסגעפונען. אָבער איך בין שטאָלץ, וואָס דאָס איז געשעהן דורך מיין אייגען קינד, מיין בלוט און פלייש האָט אויפגעעפענט מיינע פערשמירטע, אסימי-לירטע גלות-אויגען און לערנט מיך, אז א יוד מוז ליידען מיט אַלע יודען צוזאַמען, און דער, וואָס אַנטלויפט פון דער „מחנה ישראל", מוז קריגען זיין פּסק. פון איצט אָן, מיין טייער קינד, מוזען מיר איבערגעבען אונזער שיקזאַל אין גאָט'ס האַנד און וואָס עס זאָל נישט געשעהן, וועל איך אַלץ אָננעהמען מיט א „גם זו לטובה!"

„מיר מוזען לאַנגזאַם און ביסלעכווייז צוגרייטען אונזער מוטער, אונזער שטאָלצען און ענטשלאָסענעם לעאָנ'ען און אונזער ליבליכער, אומנאַאיווער-לעכער שעהנער בעטינקען. מיר מוזען זיי אויפקלערען און פאָרבערייטען צו א נייעם לעבען".

א גאַנץ לאַנגע צייט זענען מיר בײַדע געזעסען אַרומגענומען. אונזערע טרע-רען האָבען זיך אויסגעמישט. מיר האָבען געוויינט אויף אונזער גורל און אויף דעם גורל פון גאַנצען יודישען פאָלק. און מיר ווייס, ווי לאַנג מיר וואָלטען געזעסען, ווען נישט אונזער בעטינקע, וועלכע איז אַריינגעלאָפען א פרעהליכע, א גליקליכע, מיט א שעהנעם בוקעט בלומען.

„איזאַבעלאַ!" האָט בעטינקע אויסגעשריען, „דאָס האָט געבראַכט מיכאַיל און נאָך א שעהנערען בוקעט בלומען האָלט ער פאַר דיר. ער ווייזט אין זאַל!"

איך האָב שנעל אויסגעווישט מיינע טרעהרען, געקושט מיין טאַטער און בין געגאַנגען צו מיכאַיל'ן. איך האָב איהם קוים דערקענט. פאַר די פיר וואָכען צייט איז ער געוואָרען זעהר בלייך און אויסגעצערט, און איך האָב אויסגעשריען: „גראַף! וואָס איז מיט אייך געשעהן? איהר זייט געווען קראַנק? פאַרוואָס האָט איהר אונז נישט געלאָזט וויסען ז" און נאָך פיל פראַגען.

(פאָרטזעצונג קומט)

ווי אזוי האט זיך משה מאנטעפיארי שיצור נישט דערטרונקען אין ריגער דווינע

בן יקיר דערציילט אין ריגער „פריה-מארגען": א סך מעשיות, פאסירונגען און נאך מעהר לעגענדעס ווענט זיך ארום דעם בעריהמטען משה מאנטאפיארי. צווי-שען די סך לעגענדעס און געשיכטעס, וואס זענען בעוואוסט וועגען סער משה מאנטעפיארי איז אבער אויך פאראן אַן אמת׳ע פאסירונג, וואס מיט איהם האט זיך געטראפען זיינענדיג אין ריגע, און וועגען וועלכע עס דערמאנט אויך ד״ר לעווי, דער סעקרעטאר פון סער משה מאנטעפיארי אין זיינע בעשרייבונגען.

מאנטעפיארי האט אין 1845-46 יאהרען אנגעהויבען צו בעקומען כסדר בריוו פון פוילען, וואו די יידישע פארשטעהער האבען זיך בעקלאגט אויף דער שלעכטער לאגע פון די יודען דארטען. אויך ספע-ציעלע שלוחים פון ווילנא און קאוונא האבען אנגעהויבען צו קומען צו איהם און פאר איהם געשילדערט אין שרעק-ליכע פארבען דעם מצב פון דער יודי-שער בעפעלקערונג אין די דאזיגע גע-גענדען, האט משה מאנטעפיארי בע-שלאסען צו אונטערנעהמען א רייזע אין די מקומות און זיך גענוי בעקענען, ווי עס לעבען דארטען זיינע ברידער, וואס ווערען אונטערדריקט פון דער רוסישער צארישער מאכט. מאנטעפיארי האט אבער געוואלט, אז זיין דאזיגע נסיעה זאל פארקומען שטיל, אהן טומעל, כדי נישט אויפצורייצען דעם קריסטליכען המון.

דאס האט זיך איהם אבער נישט איינגעגעבען און פאהרענדיג קיין מיטוי זענען איהם ארויסגעפאהרען אויף דער סטאנציע אלאי א דעפוטאציע חשובים און איבערגעגעבען, אז עס ווארט שוין אויף איהם די גאנצע שטאט און עס ווערט צוגעגרייט א גרויסער קבלת-פנים. צוליב דעם טאקע איז מאנטעפיארי די עטליכע טעג, וואס ער האט פארבראכט אין מיטוי נישט ארויס אין גאס, ווייל נאך איהם פלעגט נאכלויפען די גאנצע שטאט און די גאסען פלעגען באלד שווארץ ווערען פון מענשען. ווען ער האט אוועקפאהרענדיג געוואלט בעצאה-לען פאר דער אכסניא און עסען, האט א נעהויסע פרוי י. דאווידאוו, וואס האט צוגעגרייט פאר מאנטעפיארי די מאל-צייטען, זיך אנגערופען צו איהם: „גע-נוג איז פאר מיר דער שכר, אז איך האב זוכה געווען צו גרייטען א מאלצייט פאר דיר, וואס קומסט פון די ווייטע לענדער אויפצוזוכען פאר דער מענשהייט, גע-בענטש זאלסטו זיין און מיט זיין קומען ברענגען א גוטען דעם גאנצען יי-דישען פאלק".

נראד און יענעם יאהר זענען געשטא-נען גרויסע פרעסט און אין די טעג, ווען משה מאנטעפיארי האט בעוואלט מיטוי און רוגא זענען די גאסען און די דווינע געווען פארדעקט מיט א געדיכטען אייז. ווען מאנטעפיארי איז ארום האלבער נאכט אין דער בעגלייטונג פון דער גאנ-צער מיטוישער בעפעלקערונג צוגעקומען צו דער דווינע, כדי צו פאהרען קיין רי-גא, האט זיך פאר איהם ענטפלעקט א שרעקליך בילד: די גאנצע דווינע איז געווען פערפרוירען, נאר אין עטליכע ערטער, וואו ער דארף דורכפאהרען איז דאס אייז גאנץ דין, און עס איז א גרוי-סע סכנה דורכצוגיין אויף די דאזיגע אייז-שטיקער, בפרט נאך דורכפאהרען מיט די שווערע וואגענס, וואס זענען געווען אנגעלאדען מיט פערשידענע זא-כען. עס זענען געשטאנען עטליכע סאל-דאטען, וואס האבען פערצוימט דעם וועג און אנגעוויזען אויף דער סכנה. עס איז אבער קיין אנדער אויסוועג נישט געווען און משה מאנטעפיארי האט קיין איבע-ריגע צייט נישט געוואלט ווארטען. פאר א סך געלד האט זיך איהם איינגעגעבען צו בעקומען אנ׳ערלויבניש אויף ארי-בערצוגיין די דווינע אויף זיין אחריות. מען האט די שווערע משא אנ-געלאדען אויף א שליטען און מען האט צו ביסלעך אנגעהויבען דורכצושטופען אליין צום צווייטען ברעג. ערשט צוויי א זייגער אינמיטען נאכט האט זיך מאנ-טעפיארי מיט זיינע בעגלייטער געלאזען איבער׳ן אייז. מיט א מורא און ציטער אין הארצען זענען זיי געגאנגען איבער די אייז-קריגעס, וואו ערשט מיט א פאר שעה צוריק איז א פויער דערטרונקען געווארען. דאס אייז האט זיך אנגעהויי-בען צו שפאלטען און אייניגע פון די בעגלייטער, וואס האבען געהאלטען מאנ-טעפיארי׳ן פאר׳ן האנד איז שוין געווען מיט איין פוס אין וואסער און אנגעהויי-בען מיטשלעפען מיט זיך אויך מאנ-טעפיארי׳ן. מען האט איהם אבער באלד געראטעוועט.

אין רוגא האט מאנטעפיארי לאנג נישט פערברענגט. עס איז צו איהם גע-קומען א דעפוטאציע פון די חשובי העיר און אזוי אומעטום, וואו מאנטעפיארי איז דורכגעפאהרען איז די גאנצע שטאט ארויס איהם מקבל פנים זיין. ווען מאנ-טעפיאר איז געקומען און ווילקאמיר איז איהם ארויס אנטקעגען א דעפוטא-ציע מיט וויין און קוכלעך און די חזנה און איהם דערציילט וועגען דער שלעכ-טער לאגע פון די דארטיגע יודען.

אין קאוונא, וואו מען האט איהם מקבל פנים געווען מיט ברענענדיגע פאקלען און לוכט, האט מאנטעפיאר געהאט מיט׳ן קאוונער שר א לענגערען געשפרעך וועגען בעשעפטיגען יודישע ארבייטער ביי מלוכה׳שער בוי-ארבייט, און בכלל וועגען פערבעסערן די לאגע פון די יודען אין קאוונא. ווי עס ווייזט אויס האט זיך אבער מאנטעפיאר׳ן נישט איינגעגעבען אויסצופועל׳ן דאס, וואס ער האט געוואלט. ווען משה מאנ-טעפיאר איז אוועקגעפאהרען פון קאוו-נא, זענען איהם געקומען בעגלייטען די נכבדים פון שטאט. זעהענדיג, אז פון זיינע שתדלנות פאר די קאוונער יודען האט זיך גארנישט אויסגעלאזען, האט א קאוונער חסיד זיך נישט געשעהמט און געפרעגט מאנטעפיאר׳ן:

— אדוני השר, וויפיל קאסט אייער נסיעה איבער די אלע שטעט?

מאנטעפיארי האט געענטפערט:

— כך וכך אלפים רובל.

האט איהם דער חסיד א זאג געטאן:

— ווען מיר, רוסישע יודען, וואלטען דאס געלד אויסגענוצט אויף שוחד, וואל-טען מיר א סך מעהר אויפגעטאן!...

היינט און ווייטערדיגע טעג! היינט און ווייטערדיגע טעג!

דער גרעסטער מענשליכער דראמא. אין די הויפט-ראל

Paweł Wegener „SVENGALI" | Kino „Palace"

PIOTRKOWSKA 108

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים ספעציאליסטען זאוואדזקא 1.

נאר פאר וועגערישע, הויט-קראנקהייטען און מענער שוואכע

אנצליונגען פון בלוט און אורינפלוס אויף סיפיליס און טריפער קאנ-טראליס מיט ספעציאליסטען פון נארען און נערווען-קראנקהייטען.

מודערן לעמפ-עלעקטרישער הייל-קאבינעט-קאסמעטיק

טעגליך פון 8 א זייגער ביז 9 אווענד

זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג

בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען:

וויזיט 3 זלאטעס

לאמפען

פיר שפייז-צימער סאלאן-קאבינעט שלאף-צימער

קויפט זיך פאבריקאנטען און פאבריקס-לאגער פון

Sz. P. Szmalewicz

פאלודניאווא 8,

טעל. 64-39

מען נעמט אן רעפאראטורען

אומארבייטונגען, אקסידירן

קלישען צום דרוקען

און רעקלאמע צייכנונגען

מנחשינן אויס די איינציגע יודישע קלישע-פאבריק

101 „GALWANO" TEL 57-68

PIOTRKOWSKA 101

לעטשניצע

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

און צאהן-ערצטליכער קאבינעט

17 זגערזשער 17, טעל. 16-33.

ד״ר ראמאחסקי	נאזן-, האלז, אויערן-קר.	פון 10- 15—23 27—6
ד״ר יוסטמאן	נערווען-קראנקהייטען	פון 8 12—2
ד״ר רוזשאנער	הויט און גע-שלעכטס-קר.	11—10 פון 1-2.נ.
ד״ר ראזענצווייג	קינדער-קראנקהייטען	12—10 5—4
ד״ר פאפיערני	פרויען- און געבורטס-הילף	1—12½ 6—5
ד״ר גאלדשטיין-פאלאך	אויגען-קראנקהייטען	2—1 8—7
ד״ר מאגנער	כירורגישע קראנקהייטען	2—1 .ז 9—4
ד״ר ווייזבערג	סיפיליס, מאגען, הערץ, לונגען	1—11 7—6
ד״ר מטופעל	רענטגען	10—12 4—6
צאהן-ארצט א. גראדזענסקי / צאהן-ארצט ג. ראזעס	צאהן- און מויל-קראנק.	9—2 9—3

זינגמליכע העמאגלאבינע-פעסטשראציעס. פאסטע-שטונע 9 ...

אין דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען

א רענטגען-אינסטיטוט

קאנטראל - לאמפ, דיאטערמיע און עלעקטרא-פיזישע קאבינעט. מיזיטען אין דער שטאט. ☞ מען אויך זונטאג. ☞ פאר מעדיצינישע אנאליזען. — קורסען פאר שטאפלער אימפונגען נעגען שמארלאטינע.

ערצטליך-קאסמעטיש-קאבינעט.

פרל. מ. מארסום נעמט אן פון 5-7 אווענט.

ס׳זענען אנגעקומען שנעע-שיך:

פאר דאמען צושטעלען מיר צו פאלגענדע ביליגע פרייזען

טרעטארן שוועדישע	גאבארדין	זל. 30,00
ריגער קוואדראט	יערסעי	„ 20,00
„	גאבארדין	„ 24,00
„	לוקסוס	„ 30,00
פעפענע	יערסעי	„ 20,00
„	גאבארדין	„ 23,00
דושענטעלמען	יערסעי	„ 16,00
„	גאבארדין	„ 21,00

די פרייזען אהנע פערפליכטונגען. די פרייזען אהנע פערפליכטונגען.

שנעע-שיך פאר קינדער פון זל. 12.00

קאלאשען פאר מענער, דאמען און קינדער פון זל. 5.50

הויז-פאנטאפעל פון פילץ צו 4 זל. קאמילא צו 9 זל.

מיר געבען א הויז-דעם אונזער קליענטעלע ראבאט צו 8 זל. פון א פאר.

▲▲▲ דאמען-שנעע-שיך פון די אויבענדערמאנטע קוואליטעטען פארשטעלענדיג דעם אונטען שטעהענדען קופאן. ▼▼▼

ראבאט-קופאן!

דער בעזיצער פון דעם קופאן בעקומט 8 זל. ראבאט ביים קויפען א פאר דאמען-שנעע-שיך, ער בעקומט אויך אומזיסט 4 קופאנען צו 3 זלאטיס, כדי צוצוזעצען זיינע בעקאנטע. שנעע-שיך און קאלאשען-לאגער אין לאדז, נאראדאווא 2 עק נאוואמיעיסקא.

הורט און דעטייל-לאגער פון קאלאשען און שנעע-שיך

„פאנטופלים"

לאדז, נאראדאווא 2 עק נאוואמיעיסקא. — טעל. 61-96.

וויכטיג פאר בעל-שמחות!

10 Południowa 10

כ׳בערג אויס ערשטקל. געפעס, פלאטין, טישען, שטיהלען און אלע כלים

שפרענג כשר.-זעהר ביליג.

דער ערשטקל. רעפענמירטער זאל אויסלענדישער סטיל הערט פערדינגען אויף חתונות מיט גוטע בעדינגונגען.

ד. פרידוואלד, פאלודניאווא 10.

אנאנסירט נאר אין „לאדזער טאגעבלאט"

עלטערן!

פאר 3 זל. א וואך הערט ויערערנט מיט קינדער, חומש לערנען אין פאלקס-שולען חומש רש״י, נ״ך, משניות, גמרא, יהדות, היסטאריע, רעכ-טען און שרייבען העברעאיש אויך יודישע בריות ... פאלק ... דע-סיסטעם ... לעהרער י. ד. ראזענפעלד פלאץ ... 6 ... רעקטאר 2. טעקע. בעס. ... פון 5 יאהר ... און 5 חדשים ... עברי ... שפראך ...

וויכטיג פאר דאמען!

מאכט איך די עלעגאנטסטע דאמען-היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלעגאנטסטע היטע איבער-ארבייטע איך אויף גענצליך נייע. געדענקט די אדרעס:

פאר נאר 2 50 זל.

23 זאוואדזקא 23

אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער. פערזעהען מיט די שענסטע מאדעלען פון דער לעצטער נייהייט און א שעהנער אויסוואהל פון פערשידענע פערטיגע היטען אויף לאגער.

„TOLA"

שרייבען

עהן אוי שנעל

לערנט אויס דער בעריהמטער

סאלינראה ל. בערמאן

אין 15 לעקציעס. אויך הערט געלערנט נוס א יודישען בריף דעם וואס קען ערגיסט. זאוואדזקא 19 פ ר ט

לייה-ביבליאטעק

ב.ג.א. אייזענשלאס

פאלודניאווא 11, לינקע אפיצינע 3 שטאק

די ביבליאטעק איז טעגליך געעפענט אין מיטוואך פון 6—10 אווענד און שבת פון 10—1 מיטאג און פון 4—10 אווענד. אמגעשריבען קען מען זיך יעדען טאג פון 6—10 אווענד.

וויכטיג פאר מחותנים

זאל קאלאסעאום זאבאדניא 58

איז צו פערמיטען אויף חתונות מיט די בעסטע געשיר, פלאטינענע בעדעקען מיט אלע בעקוועמ-ליכקייטען אויף גינסטיגע בעדינגונגען.

אינפארמאציעס פון 12—2 און פון 7—10.

פריוואטע אינפארמאציעס ערטיילט מ. קורץ ק זשערמסקיעגא 9, און דעמבינסקי קילינסקי 15

טליתים-פאבריק

אויסערגעוועהנליכע אויסווארעם פון וואלענע, האלב-וואלענע וואר-נע טליתים כמו טערקישע, ישראלער און קא-לאמירער, ווי אויך טליתים-קטנים הערט אין דע-טאל, מיט אויספארטיגונג, אויך גארטלען. שפאנירע און ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל ביי

א. ה. ציטרינאווסקי

סאמיענגא 1, אין 2. פויער, פארטער.

בעמ.: פ הערן אויך אנגענומען אלטע טליתים צו וואשן!

א יונגע

פון 17—18 יאהר אלט מיט 4-קלאסיגע בילדונג זוכט א פאסטען פאר א מעסינען נעהאלט. אפער-טען אין אדמ. פון „לאדזער טאגעבלאט" אונטער „פעסיג נעהאלט".

א בורא-לאהאל

8 פענסטער אין צענטרום פון דער שטאט צו פערדינגען.

פעראינטערעסירטע קענען ערפאהרען אין דער אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט".

אל תתהלל ביום מחר!

כי לא תדע מה ילד יום.

לייג נישט אפ אויף מארגען

נאר גיי זו די דאסיגע ערלעדיגען סאנדאווע ווייבער וועלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביורא

17 פיעטריקאווער 17

52 זאכענדיגע 52

וואו ס׳ווערט ערלעדיגט און געהיסענהאפט נעשריבען לויט׳ן אוספאזה אלערליי ביזנעס. קלאגעס, זאבאוויעצטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, ציוילע און קארנע אפאזיציעס, אדמיניסטראציעס, רעקורסען וועגען דירה אין אורזשאנד-ראזיפעטשי, וועגען פעסטער אין קאמיסאריאט-רושאנדו און אלע פאליציי-בעצירקען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דא-ראקזיגעס, קארנע ספרא חעס, ווי אויך איבער-זעצונגען אין אלע שפראכען. ספעציאליסט אין שותפות-אקטען. מיט אכטונג

י. מאנעלא רעכט-קאנסולענט

פילד-בעטען

א-דערם אבערצל / נאך די פם סענסירפט

רוקען פאן פים ... פאבריקס-מארקע

Pal... a-Patent

... 8 יאהר!

... אויפמערקזאם

ניסקל-בעטען, ניקעל - סינדער - בעטען מיש-בעטען, אמעריקאנער, סינדער-וועגעלער, סינדער-בענקלעך אויף רעצ-לעך ווי אויך סאצער פען.

מאטראצען

נעבעקען, שעזלאנגען

פאוטעלען און מאטשאנעס

17 זל., פאלסטער 14 זל.

הורט. רעגעלע רעפראטורען. דעטייל.

לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 13-85

אנאנסען-פרייזען! פאר א מילימעטער-שורה פארן טעקסט 15 גראשען, פרטמעט 24 גר., אין טעקסט 40 גר., פרטמעט 60 גר., נעקן 15 גר., ... פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער טאג-... 50% טייערער. פון די פרייזען ווערט נישט ... קען ראבאט.

אנאנסען-פרייזען! פאר די הורט און טייל פון ... אין פארטעקסט אין ... 20 פרענק, אין אנדערע לענדער — 1,25 דאלאר.

Redaktor-wydawca R. Hamburski

Tłocznia: B. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 16.